אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ב'-גליון ע'
פרשת צו - פורים תשפ"ב

י"ל ע"י

**לוי יצחק שנעק**

**מגי"ש בישיבת אמרי שפר**

**בעל מחבר ספרי יש לחקור**

להערות ולנדבות, ולכל עניני ולקבלת העלון בדוא"ל הגליון .יכולן לפנות

315-400-1818

1818yiddish@gmail.com

## קיצור למעשה: וואס דארף איך געדענקען פורים????

חיים, דו זעסט אויס געפערליך אנגעצויגן, די ווייסט אז ס'איז פורים די וואך קען איך וויסן וואס גייט פאר?? יא משה, אוודאי, אויף דיר האב איך אזוי שטארק געווארט. נו, לאמיר הערן חיים, וואס באדערט דיר??? משה, זייער פשוט, ס'קומט די הייליגע יו"ט פורים, וואס ס'איז ידוע די גרויסקייט פון דעם טאג, וואס איז אסאך גרעסער ווי יום כיפור, אבער למעשה איז דאס זייער א פארנומענער טאג, סיי מיט די מצוות, און בפרט אז מ'דארף גיין נאך צדקה וכדומה.

**איך וויל זאלסט מיר זאגן בקיצור וואס איך דארף געדענקען, אז איך זאל מיט דעם קענען קאכן גאנץ פורים**

חיים בסדר, איך מיין אז איך קען דיר דאס אראפלייגן זייער בקיצור. אבער פאר איך גיי דיר דאס זאגן וויל איך דיר פרעגן א צווייטע קשיא...

**חיים, וועלכע ווארט??? פון די גאנצע מגילה איז די וויכטיגסטע!!!!!**

בסדר, לאמיר טראכטן, אאאאאא..... משה, איך האב אסאך געדאנקען, אבער איך זע אז דו ווילסט מיר עפעס זאגן, ממילא וועל איך בלייבן שטיל, און לאמיר הערן וואס דו זאגסט.

חיים איך וועל דיר זאגן.

**די וויכטיגסטע ווארט פון די גאנצע מגילה איז "הוא אחשורוש".**

וווואאאאאסססססס????? משה, דו האלטסט שוין ביי עד דלא ידע??? פון די גאנצע מגילה האסטו נישט געטראפן קיין איין ווארט חוץ פון "הוא אחשורוש". יא חיים, אזיווי דו הערסט, די וויכטיגסטע ווארט פון די גאנצע מגילה איז "הוא אחשורוש".

משה, דו מאכסט מיר שוין נערוועז, ביטע זיי מיר מסביר וואס דו מיינסט. חיים, איך וועל דיר מסביר זיין, און מיט דעם וועל איך אויך פארענטפערן וואס איז די וויכטיגסטע זאך וואס איך דארף וויסן. אבער קודם א מעשה.

**מעשה שהיה כך היה!!!**

אין א געוויסע שטעטל איז דער רב ל"ע אוועק פון די וועלט, און מ'האט געזוכט א נייעם רב, וואס זאל זיין דער ממלא מקום פון דער אלטער רב ז"ל. דארט אין שטעטל האט געוואוינט א איד א תלמיד חכם, וואס ס'האט זיך זייער געפאסט אז ער זאל ווערן דער נייער רב, אבער אין דעם שטעטל האט אויך געוואוינט א איד א גרויסער גביר, וואס ס'האט זיך אים אויך פארשמעקט צו ווערן דער נייער רב. פארשטייט זיך אז ביים עולם איז נישט געווען קיין ספק אז דער תלמיד חכם זאל ווערן דער נייער רב אבער.....

**די פראבלעם איז געווען דער פריץ!!!**

ווייל דער פריץ פלעגט אויסוועלן דעם נייעם רב, און געווענטליך האט זיך קיינער נישט ארויסגעשטעלט קעגן דעם נייעם רב, ממילא פלעגט דער פריץ אויסוועלן דעם תלמיד חכם, אבער דא האט זיך דער גביר אנגעגעבן אז ער וויל ווערן דער נייער רב, ווייסט מען נישט וועמען דער פריץ וועט אויסוועלן. וויבאלד ביידע האבן זיך איינגעגעבן פארן פאסטן, האט דער פריץ געדארפט מחליט זיין פאר וועמען עס קומט זיך דער פאסטן, האט דער פריץ באשטימט א טאג וואס ער גייט פארהערן די צוויי קאנדידאטן.....

**מ'גייט צום פריץ!!!**

די טאג איז אנגעקומען, און ביידע גייען צום פריץ... דער פריץ האט זיי ביידע אויפגענומען, און ער זאגט זיי, אז אזוי ווי זיי ביידע האבן זיך אנגעגעבן פארן פאסטן, וועט ער זיי פארהערן..... האט ער געהייסן זיין באדינער זאל אים ברענגען א סידור, אז ער זאל זיי קענען פארהערן.

**די פארהער הייבט זיך אן!!!**

דער פריץ גיבט א מיש אויף די סידור, און ער זאגט פארן גביר: זאג וואס שטייט דא. צום גביר'ס מזל איז דאס געווען 'אשרי', וואס יעדער קען ישר והפוך, און ער האט אפגעזאגט אשרי, איינס-צוויי. נאכדעם האט דער פריץ געגעבן א מיש די סידור, און ער האט געזאגט פארן תלמיד חכמים: יעצט זאג דו. דער תלמיד חכם גיבט א קוק אין סידור, און ער זעט אז די סידור איז אויפגעמישט צו די יוצר פון פרשת זכור "אץ קוצץ בן קוצץ וכו", און ער האט זיך געבראכן די ציין. ווען דער תלמיד חכם האט געפערטיגט, האט דער פריץ אויסגערופן: די פארהער איז פארטיג, און.....

**מזל טוב, דער גביר איז דער נייער רב אין שטאט!!!!!**

ביידע גייען ארויס פון דעם פריץ, און דער תלמיד חכם רופט זיך אן צום גביר: זאג מיר, דו קענסט מיר זאגן וואס דו טראכסט? דו ווייסט דאך דער אמת, אז איך בין א תלמיד חכם, און איך בין ראוי צו זיין דער נייער רב, און דו ביסט אן עם הארץ, וואס ווייסט נישט בחייכון וביומיכון וואס עס גייט פאר אויף די וועלט. און דאס וואס דו האסט געווינען די פארמעסט, איז אויך נאר ווייל ער האט דיר געהייסן זאגן אשרי, און מיר האט ער געהייסן זאגן די יוצר פון פרשת זכור, וואס דו וואלסט אויך נישט געקענט, אויב אזוי פארוואס נעמסטו דאס רבנות.

**-סימן טוב ומזל טוב-**

**-שישו ושמחו בשמחת התורה-**

ברוב שבח והודי' להשית שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין כל חברי וידידי לבוא להשתתף
בשמחת

**הקדושא רבה**

שיתקיים בעזהי"ת בצפרא דשבתא שב"ק פרשת צו לרגל הכנס
בני **הבה"ח צבי אלימלך** **ני"ו** לעול התורה והמצות

**ולרגל סיום כתיבת ספרי החדש "יש לחקור" על יו"ט**
**פסח וספירת העומר**

**בבית המדרש "מאור התפילה"**

**5910 20th ave**

**נשמח לראותכם משתתפים בשמחתי, ואי"ה בשמחתכם ישמח ליבי גם אנו**

**לוי יצחק שנעק**

האט דער גביר געענטפערט, איך וועל דיר זאגן די אמת, דו ביסט גערעכט, דו ביסט אסאך א גרעסערער תלמיד חכם, און דו וואלסט טאקע געדארפט ווערן דער נייער רב. נו, אויב אזוי פארוואס האסטו גענומען דאס רבנות??? האט דער גביר געזאגט, איך וועל דיר זאגן די אמת, די סיבה פארוואס איך האב דיר נישט איבערגעגעבן דאס רבנות, איז

**ווייל א רב דארף האבן שכל, און דו האסט נישט קיין שכל!!!**

וואס???? איך האב נישט קיין שכל, פרעגט דער תלמיד חכם??? פארוואס זאגסטו אזוי??? האט דער גביר געזאגט, זייער פשוט, דער פריץ קען נישט קיין לשון קודש, און ער האט נישט קיין אהנונג וואס עס שטייט אין די סידור, און ער ווייסט אפילו נישט וואס דו זאגסט, ממילא האסטו געקענט זאגן 'ברכת המזון', וואס דו קענסט אויך זייער גוט, ווייל פארן פריץ איז נישט קיין שום חילוק וואס דו זאגסט, און אויב דו האסט דאס נישט געכאפט, מיינט עס אז דו ביסט א נאר, און.....

**א רב קען נישט זיין קיין נאר!!!!!**

חיים, דאס איז ממש וואס מיר מוזן געדענקען!!! משה, קענסט מיר מסביר זיין וואס דו מיינסט, איך פארשטיי נישט קיין רמזים. בסדר חיים, איך וועל דיר מסביר זיין. אין ספרים הק' שטייט אויף פורים, וואס ס'שטייט נישט אויף קיין שום יו"ט.

**א] ס'שטייט אין חידושי הרי"ם: פורים זמן ועת רצון לכל, שעת רעוא דרעוא, כל אחד יכול לפעול אצל השי"ת שימלא משאלות לבו לטובה.**

**ב] ס'שטייט אין שם משמואל: ישראל היו נמכרים להריגה, וכתב אשר נכתב בשם המלך אין להשיב, אלא שהשיגו חיים חדשים מעולם הנעלם, באמצעות מרדכי ואסתר, וכקטן שנולד דמי, וא"כ העוונות שהיו בידם מכבר שוב אין נחשבים.**

**ג] ס'שטייט אין פרי צדיק: אין מדקדקין במעות פורים, אלא כל מי שפושט יד ליטול נותנין לו, והקב"ה מקיים מצוות זקנים, ונותן צדקה לכל דורשי ישועתו בכל עניינים.**

**ד] אין קדושת לוי שטייט: אז ס'איז פונקט ווי דער אוצר המלך איז אפן, און מ'קען נעמען וואס מ'וויל.**

**ה] אין פלא יועץ שטייט: אז וואס א איד בעט פורים, קומט די תפילה אן צום ממ"ה.**

**ו] 'והימים האלו נזכרים ונעשים', שטייט אין תורת חיים: אז אין די טעג פון פורים וואס מען דערמאנט ווערט תיכף מקויים.**

**ז] אין דברי יחזקאל שטייט: כל אשר יבקשו מהשי"ת תתקבל תפילתם.**

**ח] אין שם משמואל שטייט: 'בבוקר אמור למלך', פורים קען מען הייסן פארן ממ"ה וואס צו טון.**

**ט] אין נדבת פי, פון הרב הק' ר' יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע, שטייט די גרויסקייט פון פורים, און ער זאגט, קבלתי בלחישה, אז דאס אלעס האט ער מקבל געווען ווי א סוד, און וועגן מיין אהבת ישראל האב איך מגלה געווען א חלק פון דעם.**

**בקיצור, אין איין ווארט!!!**

**פורים איז גאר א גרויסער טאג, אויף אזוי ווייט, אז אין ספר שער יששכר, פון דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע, ברענגט ער די גמרא אין מסכת פסחים [סח:] אז רב יוסף האט געזאגט אז הכל מודים בפורים דבעינן נמי לכם. פרעגט דער מונקאטשער רב, וואס איז געווען די הוה אמינא אז פורים זאל נישט דארפן זיין לכם, דאס איז דאך געווען די גאנצע תקנה פון פורים, משתה ושמחה? ענטפערט דער מונקאטשער רב, אז ס'איז ידוע אז צדיקים פלעגן זיין איינגעשפארט רוב טאג, און זיי האבן איינגעריסן מיט אלע זייערע כוחות, ווייל זיי האבן געוויסט די גרויסקייט פון דער טאג, אויף אזוי ווייט אז זיי האבן פשוט כמעט פארגעסן פון די חיוב פון משתה ושמחה, ממילא האט רב יוסף זיי געדארפט דערמאנען אז 'הכל מודים', יעדער איז מודה, אז 'בעצרת בעינן נמי לכם', ממילא ביטע גייטס און זייטס מקיים זיין די מצוה פון משתה ושמחה.**

**און דאס איז די איין זאך וואס מ'טאר נישט פארגעסן "זיי נישט קיין נאר"**

און יעצט חיים וועסטו פארשטיין פארוואס די וויכטיגסטע ווארט פון די גאנצע מגילה איז '**הוא אחשורוש**'. ניין משה, איך פארשטיי נאך בכלל נישט. חיים, איך וועל דיר מסביר זיין, וואס מיינט הוא אחשורוש? דער אבן עזרא איז מסביר פשוט פשט, ווייל ס'איז געווען אפאר אחשורוש'ס, ממילא זאגט די פסוק פון וועלכע אחשורוש מ'רעדט. אבער רש"י זאגט א צווייטע פשט, אז 'הוא אחשורוש' מיינט אז 'הוא ברשעו', ער איז געווען מיט זיין רשעות, 'מתחילתו ועד סופו', פון אנפאנג ביזן סוף. נו, פארוואס האט נישט רש"י מסביר געווען פשוט פשט אזויווי דער אבן עזרא אז הוא אחשורוש מיינט אז מ'האט געוואלט מסביר זיין פון וועלכע אחשורוש מ'רעדט? נאר וואס דען

**רש"י זאגט דא גאר א גרויסער יסוד, אז מ'זאל נישט זיין קיין נאר.....**

מ'זאל נישט אויסזען ווי אחשורוש, וואס נאך די גאנצע מעשה איז ער געבליבן דער זעלבער. מיר האבן אזא געוואלדיגע געלעגנהייט, דארף מען האבן שכל, און נישט זיין ווי אחשורוש, וואס איז געבליבן די זעלבע, גארנישט האט זיך נישט געטוישט ביי אים, נאר מיר דארפן אויסנוצן די געלעגנהייט.

**בפרט נאך צוויי יאר קאראנע.. אין די מלמחמת אוקריינא**

ווי כלל ישראל האט פארלוירן אזוי סאך... ווי תורה און תפילה איז געווארן אפגעשטעלט, אז מ'האט אזא געלעגנהייט דארף מען דאס אויסנוצן און איבערדרייען וועלטן, און נישט זיין ווי דער אחשורוש וואס האט זיך גארנישט גערירט...

**בקיצור למעשה**

**פורים דארף מען געדענקען איין זאך: "זיי נישט קיין נאר". זיי נישט ווי די קאץ וואסווארפט אוועק די רינגעל וועגן די פלייש, נאר כאפ אריין וואס דו קענסט, און געדענק אז ס'איז נישט דא קיין זאך וואס מ'קען נישט אויס'פועל'ן פורים.**

**דאס איז בקיצור וואס דו דארפסט געדענקען: זיי נישט קיין נאר, זיי נישט ווי דער "הוא אחשורוש", וואס האט זיך גארנישט געטוישט.....**

מעשה שהיה כך היה!!! ר' יעקב גאלינסקי זצ"ל האט דערציילט, אז איין טאג, זייענדיג אינדערהיים, האט ער געהערט ווי זיין ווייב שרייט און וויינט, איז ער צוגעלאפן און געפרעגט וואס איז געשען? האט זי געזאגט אז זי האט אויסגעטון איר טייערע רינגל, ווען זי האט געארבעט, און ס'איז פארשווינדן געווארן. זיי האבן ביידע איבערגעדרייט די גאנצע הויז, והילד איננו, דאס רינגעל איז נישט דא. האט ער געפרעגט זיין ווייב אויב זי האט שוין ארויסגעטראגן די גארבעדזש, האט זי געזאגט אז יא. בלית ברירה איז ער אראפ צום גארבעדזש, און ער האט עס געוואלט אויפזוכן, און

**ער קען נישט גלייבן וואס ער זעט!!!!!**

א קאץ שטייט ביי די גארבעדזש, און עס זעט אויס ווי דאס איז די גארבעדזש פון זיין הויז, און עס זעט אויס ווי דער קאץ שפייט עפעס אויס, און ער נעמט נאך א שטיקל פלייש. ווי ער קומט נענטער זעט ער אז יא, ס'איז דאס וואס ער האט געטראכט, די קאץ האט אויסגעשפיגן די דיימאנט רינגעל!!!!! ר' יעקב ז"ל האט געוואלט שרייען:

**דו קאץ, דו ביסט אזא נאר!!!**

פארוואס ווארפסטו אוועק די דיימאנט-רינגעל און דו נעמסט א פארשטינקענע שטיקל פלייש פון די גארבעדזש, מיט די דיימאנט-רינגעל קענסטו קויפן זייער אסאך פלייש. יא, אבער א קאץ איז א קאץ.

**מיר זאלן כאטש נישט זיין ווי דער קאץ!!!!!**

מיר זאלן נישט אוועקווארפן די געלעגנהייט, ווען מ'קען בעטן אויף אלעס, און לויפן צו די פלייש און אנדערע נארישקייטן, מיר מוזן מאכן חזרה אויף די גאנצע יאר, און געדענקען אז אין די טעג קען מען אלעס אלעס, איבערדרייען.